Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT פרייז 30 גראשען (ציהונג פון דער מלוכה-לאטעריע — זעה זייט 4) היינט 22 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 211 | Łódź, Piątek, 7 września 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, כז אלול תרצ״ד | № 211

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

די בעוואוסטע יודישע שאקאלאדע=פאבריק אין לאדז „ZŁOTY RAJ"
ווינשט איהרע פערטרעטער און אגענטען ווי אויך אלע קאנסומענטען פון גאנץ פוילען
א כתיבה וחתימה טובה
אינהאבער ש. האלפערן.

24טער ימים=נוראים אין זאל „פילהארמאניע" נארוטאוויטשא 20
ראש השנה ויום כפור וועט דאווענען אין זאל פילהארמאניע דער פענאמענאלער אויבער-קאנטאר
ה' ד. קוסעוויצקי
וועלכער פערמאגט א אויסערגעוועהנליכע שעהנע שטארקע לירישע טענאר=שטימע מיט זעהר א הערליכער קאלאראטור בעגלייטען וועט איהם א גוט=איינשטודירטער כאר פון 40 פערזאן, אונטער דער לייטונג פון קאמפאזיטאר ה' י. רובין. בילעטען צו בעקומען היינט פרייטאג פון 9 פריה ביז ליכט-צינדען, מוצש״ק גלייך נאך הבדלה. ביז 10 אוונד אין קאסע פון פילהארמאניע. די מתפללים פון פילהארמאניע ערוווארטעט די ימים=נוראים אן׳אמת׳ער עונג רוחני. די פרייזען פון די בילעטען זענען ערמעסיגט! מתפללים קומט און איבערצייגט אייך!
בעמערקונג: די געלדער פון די נדרים ונדבות ביי די עליות איז בעשטימט לטובת „קרן קימת לישראל".

בעקאנטמאכונג.
מיר מאכען בעקאנט די לאדזער יודישע בעפעלקערונג, דאס לויט דער ערלויבעניש פון דער מאכט. וועט מען שעכטען בהמות און קעלבער אין ביידע שעכט-הייזער, מוצש״ק, דעם 8 סעפטעמבער ד. י. און מען וועט בעקומען
פריש פלייש אין אלע לאדזער יאטקעס
זונטאג, דעם 9/9 ד. י. פון 7 ביז 10 אינדערפריה
מיר בעטען זעהר די ג׳ קונדשאפט בענוצ׳ן זיך צוצופאסען צו די אנגעוויזענע שעה׳ן.
דער פליישער=הורטאווניקעס און קעלבער=שעכטער=פאראיין
פארזשעטשנא 10.

איז ביי׳עם קאנצערט זאל
פיראמאווישא 3
ווערט גאדאווענט
די ימים נוראים
ס׳ווערען פארדינגען פלעצער צו ביליגע פרייזען.
דער זאל איז פריש רעמאנטירט און ווערט פארדינגען אויף חתונות, בעלצר, פארוויילונגען און חנוכ׳ס.
בעמערק.: דער זאל איז פ״מ אגנאנצען טאג.

7.50 זל. טעגליך — אטוואצק — קלימאטישע וואלד=סטאציע — 7.50 זל. טעגליך
Sanatorjum
D-ra med. W. PRZYGODY
לונגען=אפטיילונג: ס׳ווערען געהיילט לונגען-קראנקע לויט די נייעסטע מעטאדען.
כירורגישע אבטיילונג: עס ווערען געמאכט: אדמע, איבער-ברעכונג פון פערוואקסונגען, דורכשניידען פונ׳ם נערוו א. ז. וו.
ספעציעלער פאוויליאן: ריטשאלט-פרייזען צוגעפאסט צו דער איצטיגער קריזיס-צייט נעמען ארום: פולע אויסהאלטונג, מעדיצין, אויפזיכט, רענטגען, אנאליזען א. א.
כשר׳ע קיך! געשמאקע כשר׳ע קיך. כשר׳ע קיך!
פאר רעקאנוואלעסצענטען זארגפעליגע אויפזיכט.

די בעוואוסטע וויין=פירמע
„HALWIN"
הערש ליבערמאן לאדז פולנאצנא 10
טעל. 219-40
ווינשט אלע ג׳ אפנעהמער, קליענטען, פריינד, בעקאנטע, פאמיליע, סימפאטיקער און צושטעלער
א כתיבה וחתימה טובה.

„HALWIN"
ה. ליבערמאן לאדז
די אויבענדערמאנטע וויין-פירמע מאכט בעקאנט די געעהרטע קונדשאפט, דאס די ווינען זענען אויך צו בעקומען ביי
ה. גאלדשטיין זשידאווסקא 8
(מרדכי גבאי׳ם)
וועלכער איז אין נעכטיגען אנאנס על פי טעות נישט פארעפענטליכט געווארען.

לשמוע אל הרנה ואל התפלה
אין פערמיטלער=פאראיין,
פיעטריקאווער 64. I איינגאנג, I שטאק לינקס
ווערט דאס יאהר, אזוי ווי אלע יאהר, גאדאווענט
ר״ה יום=כפור און יו״ט סוכות
שיינע בעלי=תפלות. א גרויסער געראמער פריש-רעמאנטירטער זאל, העל, ליכטיג, לופטיג.
מיר בעטען זעהר אונזערע אלטע מתפללים אויך נייע, וואס ווילען ביי אונז דאווענען, זיך צו פארזעהן מיט פלעצער, ווייל די צאהל פלעצער איז בעשרענקט.
שבת ביינאכט איז אפען פון 7—10 אוונד.
וכל הקודם זכה.
די פערוואלטונג פון פערמיטלער=פאראיין
פיעטריקאווער 64.

לכבוד יום=טוב
די בעקאנטע און מאדערנע
PERFUMERJA
„EUROPEJSKA"
Piotrkowska 22, tel. 237-22
עמפפעהלט דעם רייכסטען אויסוואהל פון אלערליי אינ- און אויסלענדישע
קאסמעטיק
צו מעסיגע פרייזען.

דעם עכטען גוטען כשר׳ן ביליגען
וויין אויף יום=טוב
בעקומט מען אין דעם בעקאנטען וויין=געשעפט פון
ע. שיקער
אינהאבער: ישראל שיהער
לאדז, פולנאצנא 1, טעל. 107-84
אזוי ווי ערב יום=טוב איז זונטאג, ווערט געבעטען זיך פריהער מיט וויין צו פארזעהן.

דער לאנג-יעהריגער
פענסיאנאט פזשיגורסקי
האט זיך איבערגעטראגען נאך קאלומנע
ווילא רויטמאן. פיאטרקאווסקא 11
און וועט זיין טעטיג א גאנצען ווינטער און נעמט אן געסט צו די בעפארשטייענדע יום=טובים צו מעסיגע פרייזען.

## הזכרה

זונטאג, דעם 9-טן סעפטעמבער 1934, 10,30 פארמיטאג קומט פאר אויפן בית החיים צו דער 1-טער שמערצליכער יארצייט פון מיין אונפערגעסל. מאן און פאטער
ב״ע יעקב דרוקער
א הזכרה און די ענטהילונג פון דער מצבה.
אלע קרובים פריינד און בעקאנטע ווערען געבעטען פינקטליך צו קומען.
פרוי און טאכטער.

## הזכרה.

צום ערשטען שמערצליכען יאהרצייט פון
נ. ע. דר. מעד. חיים וואלקאוויסקי
וועט פארקומען זונטאג, ערה״ש דעם 9 ד. מ. פינקטליך 11 א זייגער פריה אויפ׳ן בית החיים א הזכרה און גלייכצייטיג ווערט געשטעלט די מצבה.
12 א זייגער בייטאג וועט פארקומען א הזכרה אין מושב זקנים פאמארסקע 54 און די איינווייהונג פון א בעט אויפ׳ן נאמען פון פארשטארבענעם, וועגען וואס מיר טיילען מיט אלע פריינט און בעקאנטע.
פרוי, זוהן, עלטערן און פאמיליע

# פּיניעלע מזיק
## גים לשון



לאַווירים, יאַטן, פון באַליט אין פון שמולך אָעסל! אַזוי ווי מיר האלטן פאַר ראָשישונע וויל איך ענק עפּיס זאָגן:

ראָשישונע איז אַ הייליגער יאָנטיף, אינדזערע מאַטים גייען אין דער שיל אַראַן זיך אָפּסבעיטן אַ גיט יוער, ני, זאָלט עך ביש זאַן קאַ נאַכאַלניקעס. צ׳זאָלט ביש ראָשישונע גיין אָף קאַ מעטשן און גיש ארימלאַביסעוען אפן באַליטער מאַריק. צ׳זאָלט גיין אין דער שיל אַראַן. אין גיין זאָלט עך, ניש אין דער אַלטשטעטישער שיל, ניש אין דער ווילקער שיל. די ווילקער שיל איז גימאַכט פאַר די ווילקער שמאַלך-באַכער, אינדזערע באַליטער יאַטן מיזן דאַוינען אין דער באַליטער שיל. מיר אַבן אַ באַליטער שיל, מיר אָבן אַ באַליטער כאַזן, מיט באַליטער מישאָירים איגינע באַליטער יאַטן — אַפּילך אַנ׳איגענעם באַליטער סאַנע טויקעף אָכעט.

אַ קלאַל, יאַטן, אַ גאַנק יוער לאָו איך ענק אין וידל, אָבער ראָשישונע זאָלט עך גיין אין דער באַליטער שיל אַראַן אין צ׳זאָלך ענק אָפּסבעיטן אַ גים יוער, וואָס ס׳ווינשט ענק פון גאַנצן האַרץ ענ-קער פּיניעלע.

## ביים דענטיסט

פּאַציענט: ווען איהר וועט מיר בויערן דעם צאָהן, האלט איהר מיך דערמאָהנען, אז מיין ווייב איז מיר געקומען פון דאַטשע.

דענטיסט: וואס איז דער שכל?

פּאַציענט: אז איך וועל מיך דערמאָהנען אין יענעם אומגליק, וועל איך פערגעסן אין דער שמערץ.

## מאדערנע

— נו, וואס זאָגען זי צו דעם בוך?

— ס׳געפעהלט מיר נישט, ס׳האָט עס געשריבען נישט קיין מאָדערנער שרייבער

— ?

— ווייל אין צעהנטען קאַפּיטעל האָט ער זי אַלץ נאָך ליב.

רעלעם.

## ווען איהם ווערט קאַלט

איינער אַ יוד האָט זיך פאַר מיר אויסגעדריקט אַז יעדע דאַטשע ענדיגט זיך ביי איהם מיט קעלט: אז ס׳ווערט קאַלט קומט איהם ס׳ווייב צוריק, און אז ס׳ווייב קומט איהם צוּפאָהרען, ווערט איהם ווידער קאַלט.

# אויף׳ן אינטערנאציאנאלען הינטער-געסעל
## אייפערזוכטס-סצענע צווישען די „פיהרערס“

מוסאָליני (צו היטלערן): הער אַדאָלף! אויב דו וועסט נישט אויפהערן זיך צו „דאָוואַלען“ צו דער ווייבער „פאַצעטקע“, וועל איך דיר געבען א רייב אין דיין דריטען רייך אַריין, וועסטו זעהען הערן׳ען פאַר די אויגען!..

# א דאנק היטלערן!
## אונטערגעהערט אויף דער נאַוואָמיעסקע

— דו ווייסט, מיין שוואָגער האָט נעכטען געהאַט אַ גליקליכען טאָג. ער האָט מיר דערציילט אַז דער „סקאַרב“ האָט איהם געשאָנקען אַלע זאַ-לעגלע חובות, אז ער האָט בעקומען א דירה בעז אָרסטעמפּנעגאָ, ער האָט פערקויפט סחורה פאַר גאַטובקע, אַ סוחר האָט איהם אָפּגעשיקט אַנ׳-אַלטען חוב מיט פּראָצענט, און ער האָט פערקויפט דאָלאַרען צום קורס 8.90 זל.

— כ׳בעט דיך, האַק-אַז! פון ווען אָן איז דאָס דיין שוואָגער געוואָרען אַזאַ משוגער?

— כ׳וועל דיר זאָגען, ער לייענט בסדר, וואָס היטלער זאָגט-צו דעם דייטשען פאָלק, האָט ער זיך פון „פיהרער“ אַביסעל זאַראַושעט.

# חזנות איז אויך א פאַך!...
## פון וואנען איז עס געדרינגען?

אַז חזנות איז אַ גוט פאַך, איז געדרונגען פון יעקב׳ן:

ווען יעקב האָט בעגעגענט רחל׳ן, האָט ער זיך איהר ערקלערט אין ליבע, „וישא את קולו ויבך“— האָט ער אויפגעהויבען זיין שטימע און געוויינט.

אין דאָך די קשיה: פאַרוואָס שטעהט עפּעס „וישא“? וואָלט דאָך גענוג געווען „ויבך“ — ער האָט געוויינט? צו וואס האָט ער געדאַרפט אויפ-הייבען זיין קול?

דערויף ענטפערען ליצים:

רחל איז דאָך פאַרט געווען לבנ׳ס טאָכטער, האָט זי זיך איבערגעלייגט: ליבע-שמיבע, דער עיקר איז דאָך פרנסה, האָט זי איהם געפרעגט:

— יעקב׳שי, וואָס קלערסטו צו טון נאָך דער חתונה?

— כ׳וועל ווערען אַ רב, האָט ער געענטפערט.

— ס׳געפעלט מיר נישט דאָס פאַך — האָט רחל געענטפערט.

— נו, וועל איך ווערען אַ שוחט.

— ווייס איך וואָס.

— נו, וועל איך ווערען אַ מלמד.

— ס׳איז אויך נישט וואַזשנע.

— נו, אויב אַזוי, אויב די אַלע בראַנזשעס געפעלען דיר נישט, וועל איך ווערען אַ חזן — האָט יעקב געענטפערט.

— א חזן? דאָס זעהסטו איז שוין יאָ אַ שנאַפּ-קעל געשעפט, נו, טאָ ווייז מיר וואָס דו קענסט — האָט רחל איהם געבעטען.

— „וישא את קולו“ — האָט יעקב אויפגעהויבען די שטימע, און געוויזען וואָס ער קען.

דערפון איז געדרונגען אַז חזנות איז אויך אַ פאַך....

דער שוואַרצער.

## באנקראט פון די פריזיערס

אין לאָדז שמועסט מען אַז די פריזיערס זענען אַלע פּליטה.

— ס׳איז גאָרנישט קיין וואונדער, ווען מען האָבען זיי דען צו גאָליען, אַז אַלע זענען גאָלע!

## א דראמע איז ציפערן

— פאַרוואָס איז עפּעס נישט געוואָרען פון ראָזשעלעס שידוך?

— צוליב ציפערן.

— ?

— דער חתן האָט געמאַכט אַ 3 (דריי) און זי נאָר געוואָרען פער 4—ט, האָט זי איהם פער 8 (אַכט) און גע׳טענה׳ט 9 — ניין.

רעלעם

## אויפן לאדזער דעפּאָ
### שמועס צווישען פּאַניענקעס

— זעהען זי באר פאַנע סטעפע, די קאַנובבא געהט לעצטענס סטאַלע מיט דעם ברונעטשיק — ס׳איז אַ חתן?

— ער, זי האָט איהם געפּאַטעט אויך אַ קוואַרטעל.

## א פראקטישער חתן-בחור

שדכן: איהר דאַרפט נישט קוקען אויפ׳ן נדן, געלד געהט אַוועק און דאס ווייב בלייבט.

חתן: אפשר האָט איהר אַ פערקעהרטען שידוך?

רעלעם.

## וואלט זי געווען אין לעבען
### ווי אויף דער פאטאגראפיע

— ווי געפעלט איהן, סאַלטשע, מיין פאָטאָגראַ-פיע, וואָס ס׳האָט מיר געמאַכט דער פאָטאָגראַפיסט „פּאָלאָניאַ“ אויף דער גדאַנסקאַ 31?

— באַדזשויטשיינע! דאָ זעהען זי דאָך אויס ווי לעבעדיג.

## אין האטעל

— זעקס זלאָטעס פערלאַנגט איהר פאַר דעם צימער? דאָס איז אביסעל צו טייער.

— פערגעסט נישט, אַז דאָס איז אַ גרויס צי-מער מיט צוויי פענסטער.

— מיינט וועגען קענט איהר אַיין פענסטער פערהענגען, פאַר מיר איז איין פענסטער אויך גענוג.

# דער קונדס

הומאר ● סאטירע ●

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט“ נומער 211 פרייטאג, דעם 7 סעפטעמבער 1934

## פע, מ׳שפירט עפּיס!..




1-טער יוד: עפּיס שפּירט מען דאס וואסער!

2-טער: אהא... מ׳וואשט דא מסתמא ברודיגע וועש...

